# בית יעקב

## חודש זשורנאַל


אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילען

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן.


דער ציעל פון די בית יעקב שולען: צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטאָרישע אייביגקייט'ס-אידעאַלען.


אַבאָנעמענטס-פּרייז: אַ יאָהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאָלאַר. געלד נריהצראוים.

אַדרעס פאַר געלד:
ŁÓDŹ, P. K. O. 65.613.


דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל: פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה.

## אין היינטיגען נומער:


1) אילוסטריטער בית-יעקב-אַלמאַנאַך — * * *
2) וועגען אונזער קינדער ליטעראַטור — אַ פּעדאַגאָג
3) טאָלסטאָי וועגען יודענטום — — דר. א. קאַפּלאַן
4) פרוי און פאַמיליע לויטן תלמוד — הרב ש. ר. הירש ז"ל
5) אָרימע היים מיינע (ליעד) — — חי' הינדא לעווי
6) קינדער-כאַראַקטערן — — — וו. לייכטער
7) די תשובה פון אַ גרעפין — — מרדכי פעססעל
8) איינע פון אַ סאַך — — — — אלימלך שטייער
9) די אייביגע וואַנד — — — — אפרים בירתי
10) דריי הונדערט יאָהר טייטש-חומש — * * *
11) נאָטיצען 12) אַנאָנסען.


### ביילאַגע: קינדער-גאָרטען (32 זייטלעך)


13) מרחשון — — — — — דער פעטער שמאַי
14) נר תמיד — — — — שרה שענירער
15) די בעשאַפונג פון מענש, נחס ווייגגאָרטען א. זאָנענפריד
16) הערבסט (ליד) ש. נאַדלער — 17) הערבסט טרויער (ליד) א. מגן
18) רבי ישראל בעל שם טוב — — * * *
19) הלל הנשיא — — — — — בנימין זוסמאַן
20) די פרעגסט מיך קינד (ליד) — — ש. נאַדלער
21) די באַרימהערציגע פּרינצעסין — מ. פעססעל
22) די זשאַבע און די נאַכטיגאַל — א. שושנה

פּוילישער טייל — „Wschód"


6 יאָהרגאַנג

נומער 36

פרייז 85 גר.


פּרענומעראַנטן-ביוראָ
מ. צימלער, 9 וואַלאָווע
וואַרשע

אשה יראת ד' היא תתהלל
(משלי)

# בית-יעקב-זשורנאל

ערשיינט יעדען ראש-חודש.

בית יעקב לכו ונלכה באור ד'
(ישעי')

Łódź, Październik, 1928 r. rok 6 | № 36 | ב"ה לאָדז, מרחשון תרפ"ט. 6 יאָהרגאַנג


# „אילוסטרירטער בית-יעקב-אלמאנאך"

## (לכבוד דעם פינף-יעהריגען יובילעאום פון בית-יעקב-זשורנאל)

אונזער פריהערדיג העפט „בית יעקב", די ימים-טובים-אויסגאַבע איז מיט גרויס פרייד אויפגענומען געוואָרען מצד די לעזער און לעזערינס אין צעהנדליגער שטעט און שטעטלעך. מיר האָבען בעקומען אינצעהליגע בעגריסונגס-בריף פון גאַר דער וועלט צום זעקסטען יאָהרגאַנג פון זשורנאַל. א סך פון אונזער פריינד האָבען זייער אַנערקענונג פאַר'ן זשורנאַל אויסגעדריקט אין ממשות'דיגער הילף, **דורכ'ן ווערבירען א גרעסערע צאָהל נייע אַבאָנענטען, יעהרליכע, האַלב-יעהרליכע און קוואַרטאַלדיגע.** פערשטעהט זיך אַז די לעצטע פערדינען אַ אויפריכטיגען דאַנק מצד אַלע וואָס ווילען זעהן דעם בית-יעקב-זשורנאַל, וואָס ווייטער אַלץ שענער, אינהאַלטס: רייכער און דער עיקר, אַלס חודש-אויסגאַבע רעגולער און פינקטליך ערשיינען. אויך אונזער אַדמיניסטראַציע גופא, האָט במשך דעם לעצטען חודש אַ קאָלאָסאַל שווער שטיק אַרבייט געפיהרט. ס'זענען צושיקט געוואָרען **העכער טויזענד בריף צו בעקאנטע נעמען** וועגען אַבאָנירען אַליין און שאַפען אַבאָנענטען ביי אַנדערע. אַ שווערע האָראָוואַניע איז דאָס געווען און עס האָט אויך פיעל געלד אָפגעקאָסט. ליידער האָבען זיך אָפגערופען נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון די, וואָס מיר זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלען אונזער בקשה נישט גרינגשעצען. אַ פנים, דאָס פערשטענדניס פאַר אַזאַ אויסגאַבע ווי בית-יעקב-זשורנאַל, איז נאָך אַלץ שוואַך אין די אָרטאָדאָקסישע רייהען: אַז דאָס ביסעלע מיה צו שאַפען אַבאָנענטען און איינצוצאָהלען אַז, דעם בייטראַג פון 2 זל. אויף אַ קוואַרטאַל, איז ביי זיי אַן עבודה קשה...

אונז שוואַכט אָבער דאָס אַלץ נישט אָפ און **ווען פינף יאָהר צייט**, אין די שווערסטע קריטישסטע צייטען האָבען מיר נישט פון פלאַץ אָפגעטרעטען, אָנשטרענגענדיג אַלעס און אַלץ בכדי די טריבונע פאַר אונזער בית-יעקב-שול און בנות-בעוועגונג צו דערהאַלטען, וועלען מיר בעזרת השם אויך איצט דאָס זעקסטע יאָהר אונזער עבודת הקודש בשלימות פאָרטזעצען. טאָג-איין טאָג-אויס וועלען מיר ווייטער וואַכען מיט דער שטאַרקסטער אויפאָפפערונג דעם איינציגען זשורנאַל וואָס איז געווידמעט אַזאַ ערנסט פּראָבלעם און אונזער שטורמ'דיגער צייט, ווי חנוך-הבנות אין רעליגיעזען גייסט, נאָך מעהר צו פאַרברייטערן ביז, דער אָרטאָדאָקסישער עולם, יעדער סימפּאַטיקער פון בית-יעקב אידעאַל ובפרט די שוין אונטערגעוואַקסענע יודישע טעכטער אין אָרטאָדאָקסישען גייסט, וועלען אַרויסווייזען מעהר אינטערעס און הילף דעם זשורנאַל „בית יעקב".

די ערשטע און וויכטיגסטע התחלה פון אַ פערשטאַרקטער אַרבייט און פערשאַפען עפּיס מאָנומענטאַלעס אויפ'ן ליטעראַטור-געביט פאַר דער אָרטאָדאָקסיע בכלל און פאַר דער אָרטאָדאָקסישער פרוי בפרט איז דער **„אילוסטרירטער בית-יעקב-אלמאנאך"** און מיר קומען אָנזאָגען די בשורה אַלע אונזערע פריינד אַז דער „אַלמאָנאַך" ווערט אַ געשעהענער פאַקט.

נישט געקוקט אויף אַלע שוועריגקייטען פון פינאַנציעלער און שריפטשטעלערישער נאַטור וועט דער **„אילוסטרירטער בית-יעקב-אלמאנאך"** בעשטימט גאַנץ בקרוב איה"ש ערשיינען און הגם מיר קאָנען נאָך איצט דעם גענויען טערמין פון ערשיינען נישט אָנגעבען, זענען מיר אָבער דערמיט מודיע אַז די אַרבייט איז אין פולען גאַנג. צעהנדליגער אָנגעזעהענע שריפטשטעלער האָבען זייערע אַרבייטען שוין צוגעשיקט, דאַרונטער די בעדייטענדסטע פערזענליכקייטען אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט, נאָר צוליב יום טוב-צייט האָט געמוזט פערלענגערט ווערען דער רעדאַקציאָנס-שלוס ביז סוף היינטיגען חודש, אַגב שוין דער ענטגילטיג לעצטער טערמין.

מיר וועלען גאָרנישט מגזם זיין זאָגענדיג, אַז **אילוסטרירטער „בית-יעקב-אלמאנאך" וועט זיין דאָס גרעסטע, שענסטע און אינטערעסאַנטסטע ליטעראַרישע בוך פאַר דער יודישער אָרטאָדאָקסיע!** שוין איצט איז דער אינטערעס צום „אלמאנאך" אין דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער וועלט געוואַלדיג גרויס. די פּאָסט ברענגט אונז טאָג-טעגליך בריף מיט די וואַרימסטע ווינשען צו אונזער גראַנדיעזער אונטערנעהמונג, אַרויסצוגעבען אַזאַ וויכטיג און נוצליך בוך, וואָס וועט פעראייביגען אין דער יודישער געשיכטע דאָס ווערק פון „בית-יעקב"!.

בכדי דער „בית יעקב-אַלמאָנאַך" זאָל אויך סטאַטיסטיש פאָלשטענדיג אָפּשפּיגלען דעם מצב פון דער בית-יעקב-שול אין דער געגענוואַרט, ווי אויך די בנות-אגודת-ישראל בעוועגונג אין איהרע ענטוויקלונג בכלל, בעטען מיר זאָפאָרט תיכף צו ענטפערן אונז אויף פאָלגענדע אַנקעטע:

### בית-יעקב-שולען:

1) ווען איז אייער שולע געגרינדערט געוואָרען? 2) ווער זענען די עסקנים אָדער עסקנות פון דער שולע? (גענוי די נעמען) 3) די צאָהל תלמידות אין וויפיעל קלאַסען? 4) נאָמען פון דער לעהרערין און גענויע אַדרעסען.

### בנות-אגודת-ישראל:

1) ווען איז אייער אָרגאַניזאַציע געגרינדעט געוואָרען? 2) ווער זענען די הויפּט-טוערינס? 3) די צאָהל מיטגלידערינס אין פון וואָס בעשטעהט די טעטיגקייט? 5) גענוי אַדרעס?

WSCHÓD

Dr. Josef Breuer.

# U źródła świętości żydowskiego życia małżeńskiego.

Z niemieckiego wolny przekład Racheli Seidmanówny.

III

Jakież są właściwości praw, które kształtują żydowskie życie małżeńskie?

Czyż pytanie to jest uzasadnione?

Nie!

Bowiem B—g, święta Jego wola rozkazuje, powinnością zaś człowieka jest bezwzględne posłuszeństwo. I kto odpowiedzi na powyższe pytanie uzależnia posłuszeństwo wobec B—ga, ten już przestał słuchać B—ga Wiedzie go pochwalający wszystko rozum.

W prawdzie boski prawodawca podał nam przy niektórych prawach, przyczyny podstawy i własności tych praw, ale czyż bez tych komentarzy nie może słowo Boskie żądać od nas bezwzględnego posłuszeństwa? Zastanówmy się tylko, czyż nie zachwieją się prawa natury nawet wówczas, gdy tajemnicy ich nie przeniknie rozum ludzki.

Każdy przyzna że nie! Czyż przeto słowo Boże, kształtujące nasze życie, nie jest prawem natury, nie nie przestając równocześnie być prawem boskiem.

S ł u c h a j, w y k o n y w a j i s ł u ż, a b ą d ź s z c z ę ś l i w a, ś w i a d o m a, ż e g o d n i e o d p o w i e d z i a ł a ś z a m y s ł o m B—g a!

A jeżeli spłynęła na Ciebie Jego wielka łaska i oświecają Cię niekiedy promienie Jego Boskiej światłości, które Tobie, błąkającej się, wskazują drogę w nieskończoności B—skiej prawdy i mądrości. — oh, wtedy składaj modły dziękczynne B—gu który w Swej wielkiej łasce użycza ludziom mądrości!

IV

Przewodnictwu B—żemu oddać się musisz w opiekę, jeżeli nie chcesz błądzić w ciemnościach i beznadziejnie zabłądzić! B—g Cię musi prowadzić, jeżeli nie chcesz uśmiercać, miast ożywić, burzyć zamiast budować.

A jeżeli nawet rozum ludzki przeniknął całkowicie ta emnicę powstania człowieka, jeżeli nawet zdoła zedrzeć zasłonę z zagadki, w której pogrążyła się dusza nawet wówczas, jeżeli zechciałby jawnie wystąpić przeciw woli B—ga, musiałby zdobyć się na odwagę występną.

Na taką występną odwagę musiałaby zdobyć się kobieta nim o j e d e n krok odstąpi od drogi, którą jej B—g wytknął i po której ją prowadzi do nowego świętego celu, kiedy jej b—ska, błogosławiąca ręka przy pomocy miłości mężczyzny, ozdobi czoło djamentem macierzyńskiej wielkości.

Tak samo, jak nie odważysz się nazwać „małoznacznemi drobnostkami" „marnością" rzeczy o których B—g mówi i dla których wpaja posłuszeństwo, — nie odważysz się również, lekceważyć życia twoich dzieci, świętości twego związku i przyszłości narodu. Chyba, że nie posiadałabyś odrobiny nawet sumienności żydowskiej, ani poczucia odpowiedzialności macierzyńskiej.

Nie będziesz unikać trudów, ani niebezpieczeństw, nie zawahasz się chyba przed największą nawet ofiarą, jeśli chodzi o dobro Twoich dzieci. Czyż jest na świecie taka matka żydowska, matka, która rości pretensje do tego szlachetnego imienia, czyż istnieje taka matka, która na chwilę zawahałaby się i cofnęła przed niebezpieczeństwem trudów, które ponieść trzeba dla dziecka, cofnęły się wówczas gdy stoi przed możliwością zostania.

Z a b ó j c z y n i ą swojego dziecka.

Czyż nie skazujemy rośliny na zagładę, pozbawiając ją chociażby jednego warunku, niezbędnego do jej życia, wzrostu i dojrzewania. B—ski prawodawca podał nam w prawnych definicjach normę i wskazówki życia małżeńskiego ludzkich roślin. Czyżby więc kobieta i mężczyzna żydowski bali się zaufać radośnie ślepo tym wskazówkom, by uniknąć w ten sposób występnego czynu niszczenie zgładzania „boskiej rośliny"

ylo wska myśl życiowa uważa bowiem takie

Łódź Październik 1928 r. Cena 85 gr. Rok VI, zeszyt 2 (36)
„BAJS JAKOW" (miesięcznik) Adres Red. „Bajs Jakow" Łódź, Aleksandrowska 28


אילוסטרירטער
„בית־יעקב־אלמאנאך"

לכבוד 5 יאהר בית־יעקב־זשורנאל
160 זייטען — געפינט זיך אין דרוק.
דאס גרעסטע און שענסטע בוך פון
דער יונגער ארטאדאקסישער ליטע־
ראטור וועט זיין דער „אלמאנאך".
פאר שטענדיגע אבאנענטען וועט
קאסטען דער אלמאנאך א האלבען פרייז.


בברכת מזל טוב חמה ונלבדה!
אני מושיט לידידי העסקן הנעלה בנש"ק הר'
משה אלטער שליט"א לנשואת בתו מרת אכתר
פערל תחי' עם חברנו הנכבד מר שלמה נייפלד נ"י
א. ג. פרידנזון.


„דגלנו"
ירחון לספרות ולעניני היהדות החרדית מופיע
בפורמט זשורנלי גדול מדי חודש בחודשו בעריכת הר' אלכסנדר
זושא פרידמאן מחיר החוברת בארצנו 75 גר. לרבע רק
2 זהובים לשנה 8 זהובים בחוץ לארץ 15 סנט הגליון לשנה
דולר וחצי
Administracja Dyglejnu Warszawa Graniczna № 3.
P. K. O. 13.810.


נפתלי צבי בן ר' ליבוש טענענבוים מרעטרויט (אמעריקא)
יעטקא בת ר' חיים ראזענבערג שידלאוויצע
מאורשים

צוליב'ן שטרייק וואס דויערט אלץ כסדר
אין די לאדזער דרוקערייען איז ערשינען
דער היינטיגער נומער מיט א פערשפעדיגונג
אדמיניסטראצי'ע.

Najserdeczniejsze życzenia z okazji zaręczyn
p H. Tenenbaum
z p. I. Rozenbergżanką
życzę kwitnącej przyszłości.
Wąchock. Izrael Wargon.

צו דער פערלאבונג פון מיין ליבע פריינדין זשעניא
זשימנאוואדא מיט הערן הערצקע רארמאן
ווינשט א הערצליכען מזל־טוב.
קראקא. מ. קירשענבוים.

מזל טוב
צו דער פערלאבונג פון אונזער געערטע ח' טשארנה
הענדעלעס מיט ה' יאדא פון קאליש און צו דער תנאים פון
די געערטע ח' הינדא קאמינער מיט ה' ליפשיץ (פאביאניץ)
ווינשען מיר א ברכה'פולען מזל־טוב און גליקליכע צוקונפט.
בלאשקי. בנות אגודת ישראל.
לעהרערין: פ. שייער
פארז.: מ. טרויבע.

צו דער פערלאבונג פון פרל. שיינא זימנאוואדא
(וולאצלאוועק) מיט ה' הערצקע ראהרמאן ווינשען מיר
א הערצליכען מז"ט — א הערליכע צוקונפט זאל זיך פא־
זיי אויספרייטען — ויזרח מזלם כשמש בצהרים.
ב. האנדעלסמאן, ח. דארעמבאס
ב. פריזאנד.

א הערצליכען מזל־טוב ווינשען מיר אונזער פריינד
ה' יצחק מאיר וואקסבערג צו זיין תנאים שרייבען מיט
פרל. מ. קאפלאוויטש פון פינטשאוו
אדמיניסטראציע בית־יעקב־זשורנאל.

נחום אבלים
הנני משתתף בצערו של ידידי היקר עורך העתון „דער
יוד" הר' משלם קאמינר נ"י
במות עליו אשתו ע"ה
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
א. ג. פרידנזון.

Red i wyd. Lezer Gerszon Frydenzon. Tłocznia I. Grinberga Łódź, Wschodnia 45. tel. 31-90.